בעזהשי״ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע״ד הסלולה של רביה״ק מוהר״ן מברסלב זי״ע


**מאת הרה״ח ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל**


מתובל בסיפורי עובדות מאנ״ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~


קונטרס מ״ב, פנחס (בלק בחו״ל), תשע״ט

# תוכן השיעור

'מלאכת שמים'
'הולך בדרך תמים'
'וקווי ה' יחליפו כח'
'עיקר עבודת איש הישראלי'
'נפשות החיים והמתים'
'תורה מונחת בקרן זוית'
'להקביל פני רבו ברגל'
'ניט פראסטאווקע'
'לבל נישן ימינו ושנותינו'
'ערב ראש השנה שהיה לכם'...
'זכור ברית'
'כולם נקבצו באו לך'
'שומר מצוה לא ידע דבר רע'
'וידר נדר לאמר'
'עין לא ראתה'
'שכורת ולא מיין'
'צדקה תציל ממות'
'פן יהרסו'

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 42**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת במדבר, תשל"ד

(טייפ מס' 35#)

## 'מלאכת שמים'

(באמצע שיחה, מדברים מרבי אפרים ב"ר נפתלי ז"ל, ר' נחמן בורשטיין ז"ל אומר: "ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס" שרייבט וועגן זיין הסתלקות!)[א]

(אחד שואל: דער רבי האט איהם פארהערט?) **יא, ביידע, ר' שכנא** (בן מוהרנ"ת) **מיט ר' אפרים! זיי האבן גערעדט דארטן דיני ממונות, דארטן די בבא'ס, האט דער רבי זיי א פרעג געגעבן: "ווער איז בעסער, א מלוה צו א לוה"?! האט זיך אנגערופן ר' שכנא: "אוודאי א מלוה איז בעסער"! זאגט דער רבי: "נו, ווי איז אז ער פארבארגט און מען גיבט איהם נישט אפ"?! האט ער געשוויגן!**

**איז ר' שכנא, וועמען ער האט פארבארגט האט איהם קיינער נישט אפגעגעבן!?**[ב]

**ער האט געהאט פונעם רבי'ן דאס דאזיגע, דו ווילסט זיין א מלוה? וועסטו זיין א מלוה!** (רביז"ל רמז לו דבר זה מקודם ברוח קדשו).

*

(ר' נחמן בורשטיין: איך האב געפרעגט דעם אלטן ר' נתן,[ג] ווען ער איז דא געקומען אין ארץ ישראל, זאגט ער מיר אז ער וויל מיר אויסלערנען סופרות. פארוואס - זאגט ער - ס'איז שוין עטליכע דורות פון סופרים, וויל ער ס'זאל זיך נישט אפהאקן! פון זיינע קינדער זעהט ער אז ס'איז שוין נישט ארויס קיין סופר, הכלל, האט ער געוואלט ס'זאל זיך ציהען ווייטער! פרעג איך איהם: "ווי קומט טאקע אז ר' שכנא זאל זיין

---

[א] עי' נתיב צדיק, במכתב מיום א' מקץ תרמ"ג: "**אוי ומר על שברנו המר והמרור ששמעתי בזה הרגע מהסתלקות הצדיק החסיד ר' אפרים זכותו יגן עלינו, אוי לי וי לי, אוי אוי לי על צנא מלא דספרא, אשר מסר נפשו בשביל להיות על ר"ה של הצדיק ... ואשרי לו שבן ארבעה או חמשה שנים היה מקורב לרבנו ז"ל בכל מאמצי כחו, בכל לבבו ובכל נפשו ובכל מאדו, וקרב עצמו בכל כחותיו לאדמו"ר מוהרנ"ת זצ"ל, אשרי לו, בשלום ינוח על משכבותיו**".

[ב] עי' שיש"ק ח"ג קי"א.

[ג] בנו של ר' אברהם סופר - שטערנהארץ ז"ל.

עפעס א סופר"? האט ער מיר דערציילט אט די מעשה, זאגט ער אז ער האט גענומען און פארבארגט און מען האט איהם נישט אפגעגעבן קיין זאך גארנישט, האט ער זיך גענומען צו סופרות!).

ער איז געווען א סופר פון זיך אליין, פון זיך אליין איז ער געווארן, ער האט זיך נישט אויסגעלערנט ביי קיינעם! ער איז געווען אזא מין כתבא רבה, האט ער זיך אליין אויסגעלערנט סופרות! און ער איז געווען א שיינער סופר, און ר' הערץ - זיין זוהן, איך האב דא זיינע פרשיות.

איך האב תפלין געהאט פון "ר' אייזיק'ן",[ד] איך האב געזאגט נאך ר' אייזיק'ן קדיש - האב איך געהאט זיינע תפילין!

(השואל: איר האט געזאגט נאך איהם קדיש? ער האט נישט געהאט קיין קדישים?!) דער זוהן איז שוין נישט געווען - האב איך געזאגט קדיש, האב איך געדאווענט מיט זיינע תפילין!

נאכדעם האב איך איבערגעזעהן, האב איך געזעהן עפעס א שאלה - קען זיין די שאלה איז געווארן שפעטער, בין איך געווען אין ברסלב, און ר' אברהם האט געהאט א ברודער ער האט געהייסן דוד צבי, "צבי'קע" האט מען איהם גערופן, (האב איך איהם געפרעגט:) "ר' צבי, אפשר האסטו פונעם טאט'ן (ר' הערץ) אפאר (זוג) פרשיות"? זאגט ער: "יא, איך האב"!

[ר' אברהם סופר (- שטערנהארץ ז"ל, בנו של ר' הירץ בנו של ר' שכנא בן מוהרנ"ת ז"ל) האט געהאט א ברודער "שכנא" אין נעמירוב, און א ברודער "דוד צבי" אין ברסלב. (ר' נחמן בורשטיין: א שטוב-ברודער?) נישט קיין שטוב-ברודער, א רעכטיגער ברודער, פון איין טאט'ן! אוודאי, ר' שכנא איז דאך אויך געווען נאר פון זיווג שני!]

האט ער מיר געזאגט אז ער האט אפאר פרשיות! ער האט געהייסן ר' דוד צבי, מען האט איהם גערופן צבי'קע, ער איז געווען א סופר, ער האט מיר געגעבן דעם טאטנ'ס פרשיות, איך האב אריינגעלייגט דעם טאטנ'ס פרשיות אין מיינע תפילין, שוין.

דא (בארץ ישראל), אז ר' נתן (ב"ר אברהם סופר - שטערנהארץ) איז געווארן פסול זיינע תפילין, האב איך איהם אוועקגעגעבן - "נאדיר די תפילין! דאס איז דעם זיידנ'ס פרשיות"! האט ער געעפענט, "יא, ס'איז דעם זיידנ'ס פרשיות"!

---

[ד] רבי אייזיק אייזנשטיין ז"ל מחשובי אנ"ש באומאן.

איך האב איהם אנגעזאגט, אז נאכדעם זאלן די תפילין בלייבן דא אין שול! וואו זענען היינט די תפילין? ווייס איך נישט וואו די תפילין זענען! (ר' נתן נלב"ע ביום צום גדלי' שנת תשל"ג), ר' מיכל (דורפמאן ז"ל חתנו של ר' נתן) ווייסט אויך נישט וואו זענען די תפילין, דאס איז געווען ר' הערץ'ס פרשיות!

* * *

# 'הולך בדרך תמים'

(נראה שחסר כאן, לא מובן כ"כ ההמשך) - - - און דער וואס איז נישט געווען קיין תמימות'דיגער, האט ער זיך אנגעהויבן פארפוצן, אזוי פארפוצט אז מען האט איהם אינגאנצן נישט דערקענט!

פלעגן קומען די "טשעהרינ'ער" (כמה מאנ"ש מעיר טשעהרין) אויף ראש השנה, און איך בין געווען א שטיקל מבקר, איך האב אנגעקוקט די טשעהרינ'ער ווי זיי גייען זיידענע קאפאטעס, אזויפיל געפוצט געווען, ס'איז עפעס נישט - ס'קלעבט זיך עפעס נישט צו אונזער זאך, זיי זענען געווען גבירים, (השואל: סתם חסיד'ישע אידן פלעגן נישט גיין קיין זיידענע קאפאטעס?) ניין ניין, זיי פלעגן נישט גיין.

דעמאלטס איז געווען די גרויסע וועלט'ס קריג (מלחה"ע הראשונה), דער ערשטער ראש השנה נאך די וועלט'ס קריג, ס'איז געווען א געוואלד, ניקאליי האט געמאכט אן (ארמיי) - פון "צוואנציג מיליאן מענטשן", צוואנציג מיליאן מענטשן האט ער צונויף גענומען, ער האט גענומען מענטשן פון "אכצן" ביז "פיר און פופציג יאר", מען האט נישט געקוקט אויף קיינעם, א רב, א רבי, מיט איינמאל געגעבן א קלאפ, און מען האט נישט געקוקט אויף קיינעם! איז דאך געווען א געשריי "אין בית אשר אין שם" - "מען האט גענומען אלעמען"!

און אז מען איז געקומען פארן אויף ראש השנה, ס'איז געווען מיין ערשטע ראש השנה, געווען אזוי התעוררות'דיג. און די טשעהרינ'ער, זיי איז אויסגעקומען אז "מען זאל דעם ראש השנה נישט טאנצן"! פארוואס? "ווייל אזויפיל איז דא נעבעך דארטן גענומענע"! געדענק איך, האבן זיי מיך צוגערופן, מיט נאך בחורים, "מיר ווילן היינטיגן ראש השנה נישט טאנצן"!

זאג איך זיי: "דער רבי זאגט דאך אז ס'איז המתקת הדינים,[ה] דארף מען נאך מער טאנצן"! זאגן זיי: "ניין, מען קען נישט טאנצן! ווייל אינדרויסן טוהט זיך"!

אבער מען האט זיי נישט צוגעהערט, מען האט יא געטאנצט! (השואל: אלע?) נישט אלע, עטליכע!

(השואל: ר' שמשון איז געווען?) יא, ר' שמשון האט אויך געשריגן אז מען זאל יא! "וואס הייסט? דער רבי זאגט המתקת הדינים! דער רבי זאגט המתקת הדינים - ראש השנה זאל מען נישט טאנצן?! ס'איז דאך המתקת הדינים"! מען האט זיי נישט געהערט.

אבער מען רעדט דאך, ס'איז געווען א חסידות מיט "חכמות", ס'קלעבט נישט!

אזוי איז היינט אויך אזוי, וואס מען וועט אננעמען זיך מער תמימות - לייגט זיך אוועק מער דעם רבי'נס זאך! די "כלי" ליגט אויף איהם מערער, און זי שפילט דעם שענערן ניגון![ו]

און די תמימות איז נישט רעש'יג, תמימות!

תמימות איז אמת, און דאס האט דער אויבערשטער ליב, "הולך בדרך תמים הוא ישרתני"! און דעם רבי'נס זאך איז אזוי צוגעפאסט צו תמימות, אז די גאנצע "דעם רבי'נס זאך" לייגט זיך אוועק דארטן!

ס'איז מיט אַן אמת, און ס'איז אָן פירסום, און ס'לעבט, און ס'וואקסט, ס'וואקסט אין איהם, ס'וואקסט, מען ווייסט דאך - און (ואעפ"כ אין נזהרים בזה).

* * *

---

[ה] ליקוטי מוהר"ן תו' י': "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל – עַל־יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים".

[ו] עפ"י סיפורי מעשיות - מעשה מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו, וז"ל בכוכבי אור - אמת ואמונה אות י"ד: כִּי בְּנִשְׂגָּבוֹת נוֹרְאוֹת רוֹמְמוּתוֹ שֶׁל אַדְמוֹ"ר זַ"ל וּבְכֹחַ תַּלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ, אֲשֶׁר גְּדוֹלִים צַדִּיקִים בְּמִיתָתָם יוֹתֵר מִבְּחַיֵּיהֶם (חֻלִּין ז:), יַפְלִיאוּ וְיַעֲשׂוּ כְּלִי נִפְלָאָה, הַמְבָרֶרֶת וּמַעֲלָה אֶת הַשִּׁיר וְהַנִּגּוּן הַנִּפְלָא, דַּיְקָא מִבְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת, שֶׁהֵם בִּבְחִינַת הַשְּׁפָלִים כָּמוֹנוּ.

# 'וקווי ה' יחליפו כח'

(שומעים אחד צועק, "אוי אוי אוי", ורל"י שואל מהנוכחים:) **ס'איז פון אונזערע?** (ועונים: ער שטייט ביי א ווינקל און שרייט, אויפ'ן דאך שרייט איינער, און איינער קרימט איהם נאך, איינער פון גאס קרימט איהם נאך...).

איי, ס'איז געווען ביי אונז מענטשן וואס האבן געשריגן אין עבודת השם, מען האט געשריגן! געוועגליך, די שרייערס - ר' געצע האט געשריגן ביים דאווענען, ס'האט געריסן שטיקער! אז מען האט געוואלט נאך שרייען, איז מען ארויסגעגאנגען אין וואלד אריין, אין פעלד אריין!

(השואל: ער פלעגט גיין אין פעלד ר' געצע?) **אין די אינגערע יארן איז ער געגאנגען, ער איז בכלל געווען א קראנקער מענטש, איך האב געהערט אז ער איז געגאנגען אין פעלד! אבער זיך אוועקשטעלן אויף א דאך און שרייען? ווער האט דאס געטוהן ביי אונז?!**

(השואל: אבער "ר' ברוך" - חתן ר' געצע - האט יא געשריגן אין שול), **ברוך האט געשריגן אין שול, יא אסאך, ברוך האט געשריגן אין פעלד אויך! ברוך האט געקענט שרייען א גאנצע נאכט אין פעלד, ער האט געשריגן אין פעלד, ער איז געווען א שרייער, אפילו די וואס האבן נישט געהאלטן פון ברוך'ן - דער דאווענען זיינער האט געריסן שטיקער!**

ער האט אזוי געדאווענט מיט אלע מיני כוחות, "כל עצמותי תאמרנה", אין יעדע ווארט! קיין איין ווארט נישט אפגעלאזט, ער האט אזוי געדאווענט, אזוי מיט אלע כוחות, אז ער איז אוועקגעגאנגען פון א דאווענען איז ער אוועקגעגאנגען ממש א געוואלד, "אפס כח"!

מען האט געזעהן "וקווי ה' יחליפו כח", מען גיבט איהם אן אנדער כח, ווייל בגשמיות - נאך אזעלכע כוחות געבן, פאלט מען אוועק אינגאנצן! נאר וואס דען? "וקווי ה' יחליפו כח"!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ט',[ז] "**אזי נתחדש כחו שם - מכנים כחו באותיות התפילה**", דארטן ווערט די כח באנייעט, אוודאי, אז מען געבט אוועק פאר דעם אויבערשטן, געבט דער אויבערשטער א פרישן כח!

ס'איז געווען אביסל צו שטארק, אבער ס'האט געהאט אין זיך א חן, וואס איז שייך? ער איז געווען א איד אן עובד השם, א גיבור חיל!

מען דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן, אז מען ווערט אנגערופן אויף דעם "נאמען" (על שם הצדיק), ס'זאל זיך טאקע אוועקלייגן אויף מיר די זאך! ס'זאל זיין "מצא מין את מינו", ס'זאל זיך געפינען דער פלאץ וואו אוועקצולייגן זיך, איז "אשרי חלקו" - מאכט ער גוט! מאכט ער גוט!

*

# 'עיקר עבודת איש הישראלי'

זיי זענען געווען געוואלדיגע דאווענערס - די "באבריניצ'ער", "איציק באבריניצער",[ח] און דער "נחמן" וואס איז דא געשטארבן,[ט] און דער ברודער "נתן".

(השואל: מיט קולות?) יא, אבער ס'איז געווען געשמאק! זיי האבן געדאווענט מיט קולות, אבער ס'האט געהאט אזא מין געשמאקייט זייער דאווענען!

דער "איציק" איז דאך געווען מיינער א אורח ראש השנה, אה א געשמאקער אידל! ער איז געווען א סוחר, ער האט געהאט אזעלכע אויסגעוויינטע אויגן, אויסגעוואשענע אויגן פון טרערן איז געווען ביי איהם!

אין עפעס א הלכה רעדט רבי נתן דערפון,[י] קעגן דארטן "רחל מבכה על בניה", די טרערן, "ושבו העבים אחר הגשם", רעדט ער דארטן פון טרערן, "אויסגעוואשענע אויגן", א געוואלד א געוואלד!

---

[ז] ליקוטי מוהר"ן תו' ט' אות א': וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ, כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ וּמַכְנִיס כֹּחוֹ בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, אֲזַי נִתְחַדֵּשׁ כֹּחוֹ שָׁם.

[ח] בנו של ר' נתן בן ר' נחמן בן מוהרנ"ת, (עי' שיש"ק ח"ד אות תמ"ב).

[ט] בנו של ר' יצחק, שנפטר באר"י שנת תשכ"ח. ורבי נתן אחיו נהרג במלחה"ע השניה הי"ד.

[י] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ז' אות ג', והוא עפ"י ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ס"ז.

*

איך בין געווען אין באברייניץ שבת, האב איך געגעסן שבת ביי ר' מרדכי'ן עליו השלום, און מלוה מלכה האט ער (ר' איציק) מיר געבעטן צו זיך, איך בין געווען ביי איהם מלוה מלכה, מען האט געמאכט גיך - מוצאי שבת - גיך גיך, זיך געלייגט שלאפן, ס'איז געקומען חצות איז געווארן א "בית המדרש" ביי איהם אין שטוב! דער בחור אין דעם ווינקל, און דער בחור אין דעם ווינקל, דער בחור אין דעם ווינקל, און דער אין דעם, א "בית המדרש"! א "בית המדרש"! געוואלדיג געוואלדיג!

האב איך געזעהן אז דאס איז נישט קיין טרעפעדיגע זאך (אקראי), דאס איז א קביעות, ס'איז א קביעות!

(ר' נחמן בורשטיין: נאכט ביי נאכט?) איך בין דאך געווען דארטן מוצאי שבת, אז מען איילט זיך צו מלוה מלכה - (השואל: זיי האבן געזונגען זמירות שפעטער?) ניין, זיי האבן זיך צוגעאיילט!

איך וויים - ס'פלעגן זיין וואס זענען אויפגעשטאנען ביינאכט חצות און געזונגען די זמירות פון מלוה מלכה! אסאך פלעגן אזוי טוהן, אויפשטיין און זאגן חצות, און זינגען די זמירות פון מוצאי יום מנוחה, זיי האבן זיך אלץ געוואלט לייגן זיך פריער, ס'איז געווען - דעם אמת פונעם רבי'ן!

*

(השואל: מען האט געהאט א שטארקע קביעות אויף די נקודה פון חצות?) פונקט האבן די נקודה? פונקטליך?! (השואל: ווייל די ספרים וואס רעדן פון חצות, רעדן שטארק "זיין אויף אין נקודת חצות", ר' אברהם פלעגט רעדן פון דעם?)[יא] "ר' אברהם ר' נחמן'ס" פלעגט תמיד אויפשטיין פריער! (ר' נחמן בורשטיין: איינע פון די דריי זאכן וואס ער האט זיך געפריערט!)[יב] יא יא, געווענליך אז מען שטייט אויף פריער האט מען די נקודה פון חצות!

---

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר א' אות ט"ו, ועוד.

[יב] עי' שיש"ק ח"ג אות תקס"ה: לִשְׁלֹשָׁה דְבָרִים הִבְחִינוּ שֶׁמְצַפֶּה לָהֶם בִּכְלְיוֹן עֵינַיִם: לְעֵת חֲצוֹת לַיְלָה, כִּי הָיָה מַקְפִּיד לָקוּם וּלְהִתְעוֹרֵר בְּעֵת נְקוּדַת חֲצוֹת הַלַּיְלָה מַמָּשׁ, וְאַחַר-כָּךְ לְעֵת זְמַן הַנָּחַת הַטַּלִּית לַתְּפִלָּה, וּלְקַבָּלַת הַשַּׁבָּת שֶׁהָיָה מְצַפֶּה לְבוֹא הַשַּׁבָּת בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ.

אוודאי, אז מען האט די גאנצע "צוויי שעה"[יג] איז אוודאי גוט, אז מען האט "איין שעה" איז אויך גוט, אז מען האט א "האלבע שעה" איז אויך גוט, אלעס בעסער ווי גארנישט! די צוויי שעה איז דאך אן עת רצון, האט מען עפעס פון דעם עת רצון!

"**מען דארף זיך רייסן צו די העכסטע זאך, און נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע**"![יד] מען דארף זיך רייסן מען זאל האבן אינגאנצן, אז נישט - "**אביסל איז אויך גוט**".[טו]

אבער אפשלאפן אינגאנצן די צוויי שעה איז דאך אוודאי נישט גוט! גארנישט האבן פון די צייט?! עפעס כאטש האבן!

ס'איז דאך א מתנה - ס'איז דאך עפעס א מין עת רצון! דער רבי זאגט דאך ס'איז "מסוגל כמו פדיון"![טז]

*

דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) עליו השלום, א געוואלדיגער חצות איד! אה, אויפ'ן וועג, געפארן (לא חיסר מלקום בחצות), געוואלדיג!

געווענליך אונזערע לייט זענען געווען זייער שטארק אין דער זאך, נו, "אשרי לו ואשרי חלקו", די אלע וואס זענען געווען שטארק אין דער זאך - זענען געווען טאקע אזעלכע תמימים ופשוטים! פארוואס? ווייל די אלע זאכן - דארטן ליגט א נקודה פון "אמת", קלעבט עס זיך ביי תמימות ופשיטות, דארטן קלעבט עס זיך!

דער אויבערשטער האט אונז געהאלפן, מיר ווערן אנגערופן אויף דעם נאמען, אויף דעם הייליגן נאמען, דארף מען בעטן אסאך דעם אויבערשטן ס'זאל זיך קלעבן, ס'זאל זיך פאסן, צופאסן זיך!

* * *

---

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט: וְעִקַּר חֲצוֹת הוּא תָּמִיד אַחַר שִׁשָּׁה שָׁעוֹת מִתְּחִלַּת הַלַּיְלָה הֵן בַּקַּיִץ וְהֵן בַּחֹרֶף, וְאָז מַתְחִיל זְמַן חֲצוֹת. וְנִמְשָׁךְ עַד גְּמַר אַשְׁמוּרָה שְׁנִיָּה, דְּהַיְנוּ שְׁתֵּי שָׁעוֹת.

[יד] לשון רביז"ל, עי' שיש"ק ח"ב אות ע', והוא עפ"י המבואר בליקוטי מוהר"ן תו' ו' ענין רצוא ושוב, עיי"ש.

[טו] לשון רביז"ל, עי' אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל, אות ס"ה.

[טז] ליקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט.

# 'נפשות החיים והמתים'

(ר' נחמן בורשטיין: די מעשה מיט "חייקל", פון די שפע, וואס ס'שטייט דארטן, ס'איז א ריכטיגע זאך?)[יז] **אויך דארטן איז דא אביסל צוגעפוצט!**

**"חייקל" האט געוואלט אז דער רבי זאל איהם ווייזן א "מת",** (ר' נחמן בורשטיין: דאס איז נאך געווען ביי תחילת התקרבות?) **יא, האט דער רבי איהם געזאגט: "חייקל דו וועסט דאך"** - (מורא האבן, ור' חייקל התעקש בדבר), **האט איהם דער רבי געוויזן דאס ערשטע מאל, און ער איז געבליבן חלשות!**

**נאכדעם האט ער** (געבעטן) - **"ער וויל דער רבי זאל איהם ווייזן און ער זאל נישט בלייבן חלשות"! האט איהם דער רבי געוויזן דאס אנדערע מאל, האט ער געזעהן ווי איינער איז געשטאנען ביים רבי'ן אָנגעבויגן, מיט א געוואלדיגע - און ער איז נישט לאנג נפטר געווארן, אין מעדוועדיווקע, יענער איז געשטאנען אָנגעבויגן צום רבי'ן מיט א מין הכנעה, מיט א מין פחד.**

**האט חייקל נאכדעם עס פארציילט, דער רבי איז דאך געזעצן ביים טיש, מען האט דאך גארנישט געוואוסט וואס און ווען** (אף אחד לא הרגיש בדבר), **דער רבי האט איהם געוויזן** (רק לר' חייקל) - **האט ער געזעהן ווי ער איז געשטאנען לעבן רבי'ן אזוי ווי איינער בעהט זיך, ער בעהט זיך עפעס א תיקון, א תיקון!**

**ס'איז געווען דער בעקער, זיי פלעגן קויפן ביי איהם דארטן, אמאל איז געווען א בעקער אז ער פלעגט אפבאקן אלע ברויטן, איז געבליבן די אונטערשטע טייג, מען האט עס גערופן דארטן 'די פאפאליקע', פון די פאפאליקע קען מען שוין נישט מאכן קיין ברויט, די אונטערשטע קען מען שוין נישט מאכן קיין ברויט, פלעגט מען עס אזוי מאכן אזעלכע מיני פלאטשיגע - פלעגט דאס קאסטן ביליגער.**

**און ביים רבי'ן איז דאך אלס געווען ארימעלייט, פלעגט ער זיי פארקויפן דארטן די פאפאליקע, פלעגט ער זיי רעכענען ביליגער, האט ער זיך געבעהטן ביים רבי'ן אז דאס זאל איהם ביישטיין - דאס וואס ער פלעגט פארקויפן פאר זיינע מענטשן אביסל ביליגער!**[יח]

---

[יז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ה' (ב') בלשון המעתיק.

[יח] עי' כוכבי אור שם אות ל"ד.

דער רבי האט עס איבערגע'חזר'ט נאכדעם, און געענדיגט אז "וואס מען טוהט **עפעס א נחת רוח דעם צדיק"** (- אזי הצדיק עושה לו טובה עבור זה).

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי האט איהם געגעבן טאקע א תיקון?) **מסתמא! ער איז געשטאנען לעבן רבי'ן מיט אזא הכנעה, דער רבי האט טאקע געוואלט ווייזן דאס גרויסקייט פונעם צדיק, אז דער צדיק זיצט ביים טיש און רעדט מיט מענטשן, און לעבן איהם שטייט א נפטר און בעהט זיך אזוי ביי איהם!**

(השואל: ער האט געזעהן דעם גוף הייסט עס?) **אוודאי דעם גוף! ער האט געזעהן א נפטר וואס איז נישט לאנג נפטר געווארן, און ער האט איהם געקענט!**

**דאס גרויסקייט דערפון - דער צדיק זיצט ביים טיש און רעדט מיט מענטשן, און דא שטייט לעבן איהם א נפטר בעהט זיך אזוי א תיקון, און קיינער זעהט נישט, קיינער זעהט נישט וואס דא טוהט זיך, דאס גרויסקייט פונעם צדיק!**

(השואל: דאס איז געווען בשעת ס'איז געזעצן מענטשן ביים רבי'ן? נישט אז דער רבי האט איהם ספעציעל אריינגערופן?!) **ניין ניין! דער רבי איז געזעצן ביים טיש, חייקל האט געזעהן, און די אנדערע האבן נישט געזעהן! ער האט געבעהטן - האט ער יא געזעהן, ער איז געווען ביים רבי'ן, ס'איז געווען נאך מענטשן געזעצן ביים רבי'ן!**

*

(ר' נחמן בורשטיין שואל: עס איז נישט געווען בשעת ער איז געזעצן ביים רבי'ן ביחידות?) **מען האט אזוי געקענט רעדן מיט'ן רבי'ן ביחידות? ס'איז נאך מענטשן געזעצן ביים רבי'ן!**

**ביים רבי'ן איז געווען אזוי, דער רבי האט געהאט א צייט וואס ער האט גערעדט מיט מענטשן, א אנגעשטעלטע צייט! און די איבעריגע צייט איז דער רבי געווען סגור ומסוגר, רוב היום איז דער רבי געווען סגור ומסוגר!**

(ר' נחמן בורשטיין: מען האט נישט געקענט קומען ווען מען וויל צום רבי'ן?) **ניין!**

**ביי ר' נתן'ען האט מען געקענט קומען ווען מען וויל, ביי ר' נתן'ען האט געקענט אוועקגיין אפילו מער צייט, ביים רבי'ן איז געווען א אפגערעדטע צייט, מען איז געזעצן דארטן, געשמועסט** (- בעבודת השם).

*

(השואל: דער רבי האט איהם געזאגט - לר' חייקל - כשנבהל בפעם הראשונה שראה את המת כנ"ל: "ביסט דאך א קלוגער, וואס שרעקסטו דיך"? איר האט געהערט פון אזא זאך?) ער איז געבליבן חלשות, (ואמר לו רבינו) "אפשר האט עם דיר געדאכט"?! "דו ביסט דאך א קלוגער, ס'האט זיך דיר אויסגעדאכט"?!...

(השואל: אבער אין דער אמת'ן האט ער יא געזעהן?) אוודאי! ער איז געבליבן חלשות - ביי דעם ערשטן מאל.

נאכדעם האט ער געבעטן דעם רבי'ן - איך ווייס נישט צו 'באלד', צו 'נאכאמאל', ער האט געבעטן דעם רבי'ן ער וויל זעהן - און ער זאל שוין נישט בלייבן חלשות! דאס הייסט - ער זאל זיך נישט שרעקן זיך!

נו, האט ער געזעהן! ער איז געווען א גדול "ר' חייקל", אז דער רבי האט איהם געקענט ווייזן א נפטר, איז ער געווען א גדול, נאר וואס דען? ער איז געגאנגען מיט חכמות, ער האט זיך געמישט צום רבי'ן, ער איז געגאנגען מיט חכמות!

*

# 'תורה מונחת בקרן זוית'

דער רבי האט איהם געזאגט, ווען ער איז שוין געווען א חזן, דער רבי האט איהם געזאגט: "איך וויל דו זאלסט זיין א 'מקבל', און דו וועסט זיין א חידוש אין דיין זאך, אזוי ווי איך אין מיין זאך"! דאס הייסט - אין נגינה![יט] אזוי וויט האט איהם דער רבי געזאגט!

אזא מין ווארט האבן פונעם רבי'ן, און ער האט נישט געפאלגט, ער איז געווען א סוחר, ער האט נישט געוואלט זיין קיין 'מקבל'!

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי האט געזאגט אז ער האט ממשיך געווען עפעס פון א הויכן ארט די נגינה?) יא, די נגינה, טאקע אויף ר' חייקל'ען, ער איז געווען נאך אין מעדוועדיווקע, פון די ערשטע נאך, גאר פון די ערשטע (- תלמידים ביים רבי'ן), ער האט געוואוינט דארט אין מעדוועדיווקע, נאכדעם איז ער ארויס קיין קרימענטשוק.

אין "טעפליק" איז געווען זיינע אייניקלעך, איינער האט געהייסן חייקל, איך האב איהם געקענט.

---

[יט] עי' שיש"ק ח"ב אות ס"ח, ושם אות קמ"ד.

(השואל: איידער ער איז מקורב געווארן איז ער נישט געווען קיין מנגן?! וואס הייסט דער רבי האט איהם עס ממשיך געווען?) **ער איז געווען א מנגן, אבער נעמען די נגינה פון וואנעט מען דארף נעמען, דאס איז אן אנדער זאך! און אזוי וויט האט איהם דער רבי געזאגט** (כנ"ל), **און ער האט נישט געפאלגט.**

*

**נעמען פונעם רבי'ן איז נישט געווענדעט אין קיין יחוס, ס'איז נישט געווענדעט אין די דורות אויך! ס'איז דא אזעלכע וואס זענען שוין אסאך יארן נאכ'ן רבי'ן, זיי האבן דעם רבי'ן נישט געקענט, רבי נתן'ען נישט געקענט, און נאך ווייטער, און ער איז אן "איש כשר באמת"! פארוואס? ווייל ער נעמט דער זאך אזוי ווי עס איז, אָן שום חכמות!**

**ס'איז א געוואלדיגע זאך, מען דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן: "איך ווייס אליין נישט וואס דאס איז, וואס מען זאל טוהן - ווייס איך אליין נישט! אבער ס'איז דא אזא מין מציאות"! איך נעם די זאך נאר אזוי ווי ס'איז, איך וויל נישט פארפוצן!**

**אפילו די תורה הקדושה, נעם א מצוה פון די תורה און וויל זי פארפוצן - איז שוין נישט די מצוה אזוי ווי ס'דארף צו זיין!**

*

(ר' נחמן בורשטיין: חייקל האט געהאט עטליכע קינדער, צו נאר איין זוהן?) **איך ווייס נישט, ער האט געהאט קינדער!** (ר' נחמן בורשטיין: ר' נתן דערמאנט איין זוהן "ר' לייב", ער האט איהם באגלייט, ר' לייב האט איהם באגלייט),[כ] **די קינדער האבן געוואוינט אין קרימענטשוק, דארטן אין קראקע** (עיר באוקריינא, מחוברת לעיר קרימענטשוק בהפסק נהר הדניעפער, עי' ימי מוהרנ"ת ח"ב), **אין יענע זייט שטאט.**

(ר' נחמן בורשטיין: און וואס איז געווען די מעשה "ער האט פארקלאפט די טיר"? דאס איז געווען ביי דעם ר' לייב'ן טאקע?) **ביי א זוהן, א זוהן.**

* * *

[כ] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת שמ"ט.

# 'להקביל פני רבו ברגל'

שבועות איז געווען פון די דריי זמנים וואס מען פלעגט קומען צום רבי'ן,[כא] ס'איז געווען עפעס א מין - עפעס א יסוד פונעם רבי'נס זאך, א יסוד פונעם רבי'נס זאך איז געווען שבועות.

אין יעדע זאך - סיי אין די ענין פון התבודדות, סיי אין דעם ענין פון לערנען דעם רבי'נס ספר, רעדן פונעם רבי'ן, טראכטן פונעם רבי'ן, אז ס'איז געווען פון די דריי זמנים וואס מען איז געקומען צום רבי'ן - איז עפעס א ענין!

פארוואס נישט קיין אנדער שבת? עפעס א ענין וואס די זאך איז עפעס א שורש מיט'ן צדיק, און ס'גייט דאך שבועות!

דער רבי איז געווען אין "זאסלאב" שבועות מיט די רביצין (מחמת רפואתה, עי' חיי"מ וימי מוהרנ"ת),[כב] דעמאלטס איז ר' נתן געווען אין מאהליב, ער איז קראנק געווען, זי איז געווען קראנק און ער איז געווען קראנק, די קינדער זענען געווען קראנק.

און דער רבי האט געשריבן א בריוו צו ר' נפתלי'ן אז "קיינער זאל נישט קומען! קיינער זאל נישט קומען אויף שבועות", א שארפן לשון - "מען זאל נישט זיך דערוואגן קומען אויף שבועות"!

און רבי נפתלי האט געשריבן א בריוו צו אלע אונזערע מענטשן "אז יעדער איינער זאל פארן"! ער האט געוואוסט אז דעם רבי'נס (רצון איז אז מ'זאל יא קומען, עי' ימי מוהרנ"ת),[כג] דער רבי זאגט אזוי, אבער (צריכים מסירות נפש), און ר' נפתלי האט געשריבן ר' נתן'ען אויך, גלייך קיין מאהליב.

(השואל: ווי קומט עס אז רבי נפתלי האט געוואוסט פריער, נישט ר' נתן?) **דער רבי האט געשריבן ר' נפתלי'ן, רבי נתן איז געווען אין מאהליב!** (השואל: אה, דער רבי האט עס געשריבן קיין נעמירוב), יא.

---

[כא] עי' חיי מוהר"ן אות קכ"ו.

[כב] עי' חיי מוהר"ן אות קנ"ג, ימי מוהרנ"ת אות כ'.

[כג] ימי מוהרנ"ת שם.

דעמאלטס איז געזאגט געווארן די תורה פון "ויבן", תו' ס"ז.[כד]

*

איז געוועזן, דער רבי איז איינגעשטאנען דארטן, איך ווייס ווי אזוי ס'הייסט?! - ס'הייסט דארטן בית המדרש 'חיטים'! פון די שניידערישע!

[אין אומאן האב איך געזעהן, אין אומאן איז געווען, יעדער האט געהאט א באזונדער שול, (השואל: אין אייער צייט נאך?) יא יא, ס'איז געווען א שניידער'ישע שול, ס'איז געווען א שוסטער'ישע שול, ס'איז געווען א טרעגער'ישע שול, ס'איז געווען א רופא'ישע שול, רופאים - אויך געהאט א באזונדער שול, די רופאים האבן געהאט א רייכע שול, ס'איז געווען -].

געווענליך אז דער רבי איז געווען דארטן, איז אנגעקומען מענטשן אויף שבועות אביסל פריער, אן ארימאן קומט פריער - ער גייט דאך ממילא צופוים, און דער שמש אין דער שול דארטן נאך מעריב פארשליסט ער די שול, (און דא) ס'בלייבן איבער מענטשן און שרייען, שרייען ביי ספירה! שרייען און שרייען!

ער האט נישט געוואלט ליידן אז מען שרייעט, גייט ער אריין צום רבי'ן, זאגט צום רבי'ן, "ס'איז געקומען עפעס מענטשן משוגעים, זיי האלטן אין איין שרייען און שרייען"! דער רבי האט שוין געוואוסט אז דאס איז זיינע מענטשן, דער רבי האט איהם גארנישט געענטפערט.

ס'איז געקומען נאך א טאג נענטער צו שבועות, איז שוין געקומען מער מענטשן, נאך מענטשן, (האט זיך דער שמש אפגערעדט): "וואס איז דאס? איך קען דאך גארנישט"! - - און אלעמאל, ביז ס'איז געקומען ערב שבועות דארטן, די לעצטע ספירה, איז געווען א געוואלד א געוואלד!

אז ס'איז געקומען שבועות, האט ער געזעהן ווי דער רבי איז זיי מקרב, דאס איז גאר זיינע מענטשן, האט ער זיך געשעמט פארן רבי'ן, ער האט צוגעקלאגט פאר'ן רבי'ן אויף די מענטשן, און דאס איז גאר דעם רבי'נס מענטשן![כה]

*

---

[כד] עי' חיי מוהר"ן אות נ"ט.

[כה] עי' שיש"ק ח"ב אות ק"ע.

(השואל: איז ווען איז ר' נתן אנגעקומען? נאר ערב שבועות ממש?) **ערב שבועות.**

(ר' נחמן בורשטיין: אין זאסלאב איז געווען אזא גרויסער עולם?) **אוודאי אוודאי,** (ר' נחמן: ווייט צופארן!)

**ס'איז געווען אזעלכע וואס זענען געגאנגען צופוס עטליכע וואכן אנקומען צום רבי'ן, ארימעלייט, וואס האבן נישט געהאט אויף הוצאות, געגאנגען צופוס.**[כ]

*

# 'ניט פראסטאווקע'

(ר' נחמן בורשטיין: ווער איז געווען דער "זאסלאב'ער חזן"?) **אן אנדערער, ער איז געווען פריער, "ר' מרדכי'לע זאסלאב'ער",** (ר' נחמן בורשטיין: ער האט געהאט עפעס א שייכות מיט'ן רבי'ן?) **ער איז געווען אין די צייטן פונעם מגיד, פונעם מעזריטש'ן מגיד, ער איז געווען א חזן ביים מעזריטש'ן מגיד,** (השואל: נו וואס פארא שייכות?) **ניין, מען דערמאנט דא זאסלאב, האט ער זיך דערמאנט, אז מען האט איהם גערופן זאסלאב'ער חזן.**

**ער האט געדאווענט ביים מעזריטש'ן מגיד - דער חזן, האט ער זיך געהייסן געבן אסאך געלט פארן דאווענען, און זיי זענען געווען ארימעלייט, זיי האבן נישט געהאט, האט איהם דער מגיד געפרעגט, "ניט פראסטאווקע", צו "יא פראסטאווקע", "פראסטאווקע" הייסט "צו שטעלן" די תפילה צום אויבערשטן, "פראסטאווקע"? צו דו דארפסט אנקומען צו מיר?! דער מגיד האט איהם געפרעגט, צו קענסטו דאווענען "ניט פראסטאווקע" - דו זאלסט אליין צושטעלן די תפילה צום אויבערשטן? אדער דו דארפסט אנקומען צו מיר?!**

**האט ער געענטפערט "ניט פראסטאווקע" - ער קען אליין צושטעלן! נו, "אזוי? זאלסטו בעטן אסאך געלט"! איז מען געגאנגען, מען האט געמאכט געלד, און איהם געגעבן!**

**ער האט געזאגט דעם מגיד "ניט פראסטאווקע", איז ער גערעכט! דארפסטו בעטן אסאך געלד!** - (כך אמר לו המגיד כנ"ל).

*

[כ] עי' חיי מוהר"ן אות שכ"ח ושכ"ט.

**ס'גייט אזעלכע הייליגע טעג, אינגאנצן דער ענין פון ספירה - פון ז' נקיים,[כז] אה - אודאי, די וואס האבן געהאט אלע ז' נקיים איז אודאי גוט, אבער "ווען מען דערמאנט זיך" איז אויך גוט![כח]**

**מען האט נאך - "זעקס און פערציג טעג" האט מען שוין אפגעציילט, ס'איז נאך געבליבן א קלייניקייט, קען מען נאך אויך מאכן גוט, מען קען נאך מאכן אין די עטליכע טעג אויך גוט!**

**היינט איז דער "יום המיוחס", דער טאג הייסט "יום המיוחס"** (ב' סיון)**, ווייל דעם טאג פאלט אויס "יום כיפור", און מארגן הייבט זיך אן שלשת ימי הגבלה, מארגן שבת און זונטאג, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל אפהיטן די דריי טעג!**

*

(השואל: ס'איז געווען פון אונזערע לייט וואס האבן געהערט די קולות? שבועות ביי נאכט, דער רבי איז געגאנגען און געהערט קולות - של מתן תורה, אבער פון אונזערע לייט איז אויך געווען וואס האבן געהערט די קולות?)[כט] **מסתם איז געווען...** (ר' נחמן בורשטיין: די קאפעליעם - של מתן תורה) **די קאפעליעם!** (ר' נחמן בורשטיין: דאס איז געווען נאך פאר ארץ ישראל!).

*

# 'לבל נישן ימינו ושנותינו'

(ר' נחמן בורשטיין: דעם שבועות אין זאסלאב, דעם צווייטן טאג, דעמאלטס איז געווען די מעשה וואס ר' נתן איז עפעס פארשלאפן געווארן, געכאפט עפעס א דרימל?) **נישט דעם שבועות! א שבועות איז געווען - ביים רבי'ן א שבועות, די ערשטע נאכט איז מען געווען אויף, און מען פלעגט אויפזיין די צווייטע נאכט אויך, אסאך מענטשן אזוי געווען, די צווייטע נאכט אויך, און בייטאג צושפארן זיך.**

---

[כז] זוה"ק פרשת אמור דף צ"ז ע"ב, מובא הרבה בלקוטי הלכות.

[כח] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב שמ"ה: וְהִנֵּה כְּבָר עָבְרוּ סָמוּךְ לְמַחֲצִית יְמֵי הַסְּפִירָה נוֹתֵן הַתּוֹרָה יְרַחֵם עָלֵינוּ שֶׁנִּזְכֶּה מֵעַתָּה עַל כָּל פָּנִים לְהָכִין עַצְמֵנוּ לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ בַּיּוֹם הַחֲמִשִּׁים הַקָּדוֹשׁ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה בְּאַהֲבָה. וכעי"ז שם מכתב תכ"ד.

[כט] עי' חיי מוהר"ן אות קל"ב.

און די דריטע נאכט ווייטער איז געווען דער געזעגענען ביים רבי'ן, רבי נתן און רבי נפתלי זענען אויפגעווען די דריי נעכט, און די דריטע נאכט איז דאס געווען מוצאי שבועות - אויפגעוועןא גאנצע נאכט!

און פארטאג אז דער רבי האט זיך געגעבן א "שפאר צו" אביסל, זענען זיי געגעבן א פאל אראפ אויף דער ערד פאר מידקייט, און געבליבן דרימלען אויף דער ערד, און א כאפ געגעבן אביסל א דרימל, האט דער רבי זיך געגעבן א כאפ אויף "וואס **פארשלאפט איר אייערע יארן - טעג"?!** שוין, אין מינוטן! אז מען האט געהערט דאס ווארט איז מען שוין געווארן וואַכעדיג!

*

די תורה "פתח רבי שמעון" (תו' ס') דער רבי זאגט דארטן (אות ט'): "וזה בחינת שופר - עורו ישנים מתרדמתכם", האט דעמאלטס דער רבי געזאגט אזוי: "וועקט **זיך אויף פון אייער שלאף"!**

האט ר' אברהם דערציילט, אז מען האט זיך אזוי צואוויינט זיך, אונזערע לייט האבן זיך אזוי צואוויינט, אז דער רבי האט געמוזט איבערהאקן דאס זאגן די תורה עטליכע [מינוט] ביז מען האט אויפגעהערט צו וויינען, "וועקט זיך אויף פון אייער שלאף"!

(השואל: ווי האט דער רבי געזאגט, "שבועות איז דער עיקר דער אויפזיין, **הושענה רבא איז דער עיקר דאס זאגן"?) יא.**[ל]

(ר' נחמן בורשטיין: עס שטייט דארטן "מי איכא דניים ע' שנין"? איז אלעמען איבערגעגאנגען אויפ'ן מח, זיי האבן געטראכט, דער פרפראות ברענגט עס אראפ, דאס ברענגט ער אויך דארטן דער פרפראות "געו כולם בבכיה גדולה מאד").[לא]

---

[ל] אבני"ה ברזל אות מ"ט.

[לא] פרפראות לחכמה שם אות א': גם בעת שאמר רבינו ז"ל זה המאמר היה התעוררות נפלא מאד לתשובה אמיתיית בין כל אנ"ש שהיו שם, ובשעה שאמר רבינו ז"ל אלו התיבות ששופר מרמז עורו ישינים מתרדמתכם, געו כולם בבכיה גדולה מאוד ורבינו ז"ל היה יושב אז ודומם ושותק עד שפסקה הבכיה קצת, ואז חזר לגמור את המאמר הקדוש הזה.

דער רבי זאגט דאך די ע' פנים - ע' שנים, יעדעס יאר איז דאך א פנים, "ר' אברהם ר' נחמנ'ס" ברענגט טאקע[לב] "שנים" איז א לשון פון שלאף, איז "ווי איז איינער זאל אלע ע' פנים פארשלאפן? אלע ע' שנין"?!

*

מען האט געזאגט אויפ'ן אלשיך הק', אז דער אלשיך האט משיג געווען א פנים של תורה! (ר' נחמן בורשטיין: דאכט זיך עס שטייט פון אר"י הק').

האט דער אלשיך הק' אויסגעטייטש די עשרת מונים ביי לבנ'ען הונדערט מאל, פרשת ויצא, עשרת מונים, צעהן מאל צעהן - איז הונדערט, האט דער אלשיך הק' אויסגערעכנט אלע הונדערט מאל וואס לבן האט אפגענארט יעקב'ן!

האט דער אר"י הק' געזאגט, מען האט אראפגענומען לבנ'ען ביי די שעווערינעס, "נו, זעה ווי א איד רעכנט דיר אויס אלע הונדערט מאל וואס דו האסט אפגענארט יעקב'ן"! מען האט איהם פון גיהנם ארויסגעשלעפט "נו זעה, א אידל פון דער וועלט רעכנט דיר אויס אלע הונדערט רמאות'ן וואס דו האסט אפגענארט יעקב'ן"!

*

# 'ערב ראש השנה שהיה לכם'...

(השואל: ווער איז געווען פון אונזערע לייט וואס האט געקענט "אלשיך" אויסעווייניג?) ס'איז געווען דער "ר' נחמן", ר' דוד צבי'ס א זוהן, "נאשקע'ס" א פעטער,[לג] זיין פאטער'ס א ברודער, מען האט איהם גערופן "נחמן מיט'ן אלשיך", א גרויסער בעל בכי געווען, אסאך טרערן פארגאסן.

ער פלעגט זאגן די קטורת ערב ראש השנה האט די שול געקלונגען! די שול האט געקלונגען מיט זיינע קטורת, ווען ער האט געזאגט די ווערטער (בנגינה ובנעימה) "בבואם אל אהל מועד ירחצו מים ולא ימותו", מיט אן התעוררות געזאגט, ער האט גערעדט די ווערטער אזוי ווי ער טייטשט עס אויס, ס'איז געווען!

---

[לב] עי' חכמה ותבונה על סיפורי מעשיות, מעשה א' (סימן ו') - אות י"ב.

[לג] ר' נאשקע טולטשינ'ער היה בנו של ר' שכנא - אחיו של ר' נחמן הנ"ל, שהם היו בני ר' דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל.

מיר האבן געהאט שיינע אידן, שיינע אידן האבן מיר געהאט! די קטורת איז געווען א קטורת, דער אשרי איז געווען א אשרי! די גמרא זאגט דאך: "**כל האומר תהלה לדוד ג' פעמים בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא**".[לד]

אשרי איז געווען א אשרי, די קטורת איז געווען א קטורת, קטורת איז א התקרבות צום אויבערשטן, קטורת!

*

איך געדענק נאך אין אומאן די קטורת פון ערב ראש השנה, אה - ס'האט אזוי געדונערט די קטורת, ס'האט אזוי געהילכט די קטורת, די קטורת האט געדויערט לאנג.

ר' אברהם (סופר) האט געגעבן א געשריי "וידבר", ר' אברהם האט געדאווענט מנחה (לפני העמוד), מנחה מיט מעריב, האט ער געגעבן א געשריי "וידבר", נאכדעם האט מען געזאגט קטורת, אה![לה]

די ערשטע ראש השנה איז געווען א נייעס ביי מיר, אין פוילן - מען קומט אריין - דאווענט מען מעריב בייןנאכט, און דא האב איך געהערט אזא מין קטורת, א געוואלד, א געוואלד, ס'האט געהילכט, די שול האט געהילכט מיט דעם קטורת!

מען האט געוואוסט א קטורת, א קטורת! עפעס יעדערווארט איז געווען א געוואלד, קטורת בכוונה, איך האב דעמאלטס געזאגט אז די קטורת איז דאך ממש - פון אלע וועלטן!

אין זוהר רעדט ער "קטורת, קטורת", געוואלדיגע זאכן אויף קטורת בכוונה! עפעס א געוואלדיגע המתקת הדינים, א קטורת!

ר' אברהם (סופר) האט געדאווענט געשמאק מנחה, אה הא, איך האב איהם געהערט דאווענען ווען ער איז אלט געווען צוויי און פופציג יאר, ער האט געהאט א

[לד] מס' ברכות דף ד' ע"ב, עי' ליקוטי הלכות הל' קריאת שמע ה' אות י"ד.

[לה] עי' מטה אפרים סי' תקפ"א ס"ק נ"ז; בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה נִכְנָסִין לְהִתְפַּלֵּל מִנְחָה בְּבֵית הַכְּנֶסֶת בְּעוֹד הַיּוֹם גָּדוֹל, כְּדֵי לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלַּת מִנְחָה בְּכַוָּנָה הַרְבֵּה, וּמַאֲרִיכִין בָּהּ קְצָת מֵאַחַר שֶׁהוּא מִנְחָה אַחֲרוֹנָה בְּצֵאת הַשָּׁנָה, וְהַקְדָּמַת תְּפִלָּה טֶרֶם בּוֹא יוֹם הַגָּדוֹל.

שווארץ בערדל, עטליכע גרויע האר, ער איז געבוירן געווארן תרכ"ב, און איך האב איהם געקענט ע"ד, צוויי און פופציג יאר!

*

ווען איך דערמאן אמאל - מען קען אייך נישט אויסמאלן וואספארא דאווענען ס'איז געווען אין אומאן "ראש השנה", און וואספארא דאווענען ס'איז געווען "ערב ראש השנה"![לו]

די אמונה אינעם רבי'ן איז געווען אזוי גרויס, ממש א בחינת ראי', אז דער "מורא רבך" איז געווען אזוי גרויס - דער "מורא רבך כמורא שמים", אז ס'איז געווען א גוואלד, א געוואלד איז געווען, א געוואלד, אט איז ער!! אט איז ער!!

(ר' נחמן בורשטיין: ס'איז געווען הערצער! הערצער!) אוודאי הערצער געווען, ס'איז געווען געוואלדיגע, דער ענין פונעם רבי'נס זאך איז געווען געוואלדיג גרויס דארטן, געוואלדיג גרויס!

*

אה, א מין בכיות וואס האט זיך אפגעטוהן ביי די שטילע שמונה עשרה, אוי וואס אידן האבן אויסגעוויינט טרערן ביי די שטילע שמונה עשרה, אה, די גאנצע שול איז געווען פול מיט טרערן, א מין בכיות געווען ביי די שטילע שמונה עשרה פון ערב ראש השנה, מען האט געזעהן אז דער רבי איז דא אין שול, דער רבי איז דא אין שול![לז]

די אלע וואס זענען געווען א גאנצן טאג אויפ'ן ציון און מען האט - הא אהא אהא, נאכדעם איז מען אריינגעקומען אין שול אריין, ס'האט געווארעמט, ס'האט געקאכט א קעסל, א קעסל האט געקאכט, א קעסל!

איך בין געווען דעמאלטס א בחור'ל, איך האב געזעהן די אלע רבי'ס אין פוילן, דארטן דער רבי, דער רבי, און דא גיב איך א קוק, געוואלד - דא קאכט זיך עפעס א

---

[לו] עי' חיי מוהר"ן אות ש"ה; שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת עָמַד בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַחַר הַסְּלִיחוֹת וְאָמַר, אֲנָשִׁים אֲחֵרִים הָיוּ מְרֻצִּים שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּמוֹ עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהָיָה לָכֶם. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אַנְדֶערֶע וָואלְטְן זִיךְ גְּווִינְטְשְׁן אַזוֹי אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ'.

[לז] עי' שיש"ק ח"ב אות תק"צ.

פייער קאכט זיך עפעס דא! עפעס א פייער, ממש א מדורה, א פייער קאכט זיך עפעס, ס'איז געווען א מעריב, א מנחה, א מעריב, און די ראש השנה'דיגע דאווענען!

*

# 'זכור ברית'

(השואל: זכור ברית האט מען אויך אנגעהויבן פרי?) פונקט דריי אזייגער, דארט פלעגט מען אריינציהען אין טאג אריין, ס'איז שוין געווארן לעכטיג! (ר' נחמן בורשטיין: מען האט שוין נישט געדאווענט ותיקין?) ניין, דארטן האט מען נישט געקענט אויספירן פריער! איך וועל דיר זאגן פארוואס, ווייל מען דארף אפרייסן מענטשן פונעם רבי'נס ציון, א גאנצע נאכט האט דעם רבי'נס ציון געקאכט, א גאנצע נאכט! פאר חצות אויך!

ר' אברהם פלעגט ארויפגיין אויפ'ן ציון פאר זכור ברית - ר' אברהם סופר, ער איז אראפגעגאנגען, זענען מיר אויך אראפגעגאנגען מיט איהם, (לקלויז לסליחות), אבער אסאך זענען געבליבן, אסאך זענען אראפגעגאנגען, האט מען געהערט די קולות פונעם ציון, קולות, מענטשן האבן זיך נישט געקענט אפרייסן זיך פונעם ציון, און ממילא האט מען נישט געקענט - דריי אזייגער איז אויך שוין געווען - האט אויך געהייסן פרי!

די סליחות האט געדויערט א דריי שעה, דא ביי אונז (בירושלים) שטעלן מיר זיך א פערטל נאך צוויי הייבן מיר אָן סליחות, און מען ענדיגט האלב פינעף (השואל: צוויי שעה מיט א פערטל, דארטן האט עס געדויערט לענגער הייסט עס?) דריי שעה!

נאך סליחות האט זיך אנגעהויבן אן עבודה פון צדקה, דאס וועל איך נישט פארגעסן קיינמאל, די עבודה פון צדקה וואס ס'האט זיך דארטן געטאן נאך סליחות.

ס'איז געקומען פוילישע ארימעלייט אלע, און זיי האבן נישט געהאט אויף הוצאות, ארימעלייט אלע, גאנץ פוילן איז געווען ארימעלייט, געגאנגען מאכן געלט אויף הוצאות.

די צדקות וואס מען האט דארט געגעבן, געוואלד, "רבונו של עולם", וואו האב איך אין מיין לעבן געזעהן אזעלכע צדקות?!

מען האט גארנישט געציילט, מען נעמט אן, מען כאפט און מען גיבט, מען גיבט אזוי צדקות, איינער האט געהאט א זעקל געלט, א נעם ארויס - געגעבן און געגעבן,

איך בין געשטאנען (משתומם), וואס איך האב געזעהן האב איך נאך אין מיין לעבן נישט געזעהן! וואס איך האב נאר געזעהן!

*

# 'כולם נקבצו באו לך'

דעם ערב ראש השנה - א טאג פאר דעם, פאר נאכט איז אנגעקומען רוב עולם, (השואל: די רוסישע?) די פוילישע אויך, די פוילישע, די רוסישע, די רוסישע מערער, די שמחה וואס ס'איז געווען ביי דעם קבלת פנים, 'עין לא ראתה'!

ס'איז נישט שייך צו זאגן "א טאטע מיט א זוהן", ס'האט נישט קיין שום שייכות, (זה אפילו לא משל על זה), אזא מין שמחה איז געווען ביי דעם קבלת פנים ווען ס'איז זיך צונויף געקומען דער עולם, שהחיינו'ס געמאכט!

איך געדענק "ר' מרדכי סאקאלאווער" ס'איז געווען תרע"ה, ר' מרדכי סאקאלאווער איז געווען אויף ראש השנה, די שמחה וואס דער איד האט געטאנצט און געשפרונגען, מיט'ן "שהחיינו", און ווער איז דער איד? דאס איז דער סאקאלאווער רב! אזוי ווי א אינגעלע, "דער סאקאלאווער רב"!

(השואל: ער איז געווען אסאך עלטער פון אייך?) אוודאי, וואס דען? א למדן געווען א גרויסער! וואס רב? ווען רב? ווער רב? א רב?! וואספארא רב, אז דער רב - אז מען דערמאנט איהם "רב", איז אזוי ווי מען דערמאנט איהם עפעס א עבירה!...

דער ביטול צום רבי'ן איז געווען אזוי גרויס, אוי אוי אוי.

*

נאכדעם האב איך אוועקגעשריבן מיין טאטן א בריוו, האב איך איהם געשריבן "וואס דא טוהט זיך"! פריער האט ער מיר געשריבן א בריוו "דו וועסט אפגעבן דין וחשבון, דו ביסט אוועקגעפארן, דו האסט מיך נישט געפרעגט"! נאכדעם האב איך איהם געשריבן "וואס דא טוהט זיך", ער האט דאס געהערט, "נו, גוט האסטו געטוהן, דו זאלסט מיך אויך אינזינען האבן"!

אזוי געענטפערט צוריק א בריוו, "גוט האסטו געטוהן"!

ס'איז געווען אזעלכע צייטן, מען קען דאס נישט איבער'חזר'ן, מען קען דאס נישט אויסרעדן וואס ס'האט זיך דארטן געטוהן, דאס איז עפעס א הימל גערודער! א הימל גערודער איז דארטן געווען! (ר' נחמן בורשטיין: א יריד אין הימל) א יריד אין הימל!

*

און דעם רבי'נס ציון, געוואלד, א געוואלד איז געווען, וואס אידן האבן אויסגעגאסן טרערן, נאר געווען רוחניות!

(השואל: ס'איז געווען געפאקט?) ס'איז געווען ממש - ווי האט געקענט אריין אזויפיל מענטשן? ס'איז געווען קעפ אויף קעפ, "עומדים צפופים", די טרערן - די בכיות וואס ס'איז געווען דארט, אה! א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, ס'האט נישט גערוהט דער ציון, נאכדעם איז געקומען א מנחה, א מנחה מיט א מעריב!

*

(ר' נחמן בורשטיין: די "לשנה טובה תכתבו" דאס האט געגומען א צייט), **אוי האט דאס גענומען! דאס איז אויך עפעס אונטער דעם די אהבה, "די וועלט וועט זיך פארוואונדערן אויף די אהבה פון מיינע מענטשן"!**[לח] דעמאלטס האט מען דאס געזעהן!

די וועלט פלעגט זאגן "געוואלד און געשריגן, ס'איז עפעס געוואלדיג, ס'איז עפעס חוץ מדרך הטבע זייער אהבה"! חוץ מדרך הטבע!

געפלויגן, מען איז געפלויגן אויף די הערצער, ס'איז געווען א אהבה א הארץ צו א הארץ, א הארץ צו א הארץ!

דאס איז נאר א זאך, אז דער כח פונעם צדיק וואס ס'געבט - די נקודה, ס'געבט עפעס א שיין די נקודה, ווי אזוי יענער איז, ווער ער איז, ס'געבט אביסל א שיין די נקודה, די נקודה איז דאך אלקות - זאגט דער רבי דארט אין די תורה פון ל"ד[לט] "שם שורה אהבה הקדושה", דארטן איז שורה א אהבה הקדושה!

*

---

[לח] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ב: עָנָה וְאָמַר הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ.

[לט] שם באות ז'.

# 'שומר מצוה לא ידע דבר רע'

(כאן חסר קצת, מדבר מהראש השנה האחרון שלו באומאן, בשנת תרצ"ח, כשאנ"ש התקבצו להתפלל ולסעוד במרתפו של ר' משה ירוסלבסקי ז"ל) - זיי האבן נישט געוואוסט, מער עולם האט נישט געוואוסט, און ס'איז געווען אזעלכע וואס זענען געווען גרויסע רבנים, נייע זענען געווען ביי אונז, מען האט אראפגעלייגט א דאווענען אז ס'איז געווען א געוואלד.

מען האט געענדיגט דעם דאווענען, איך און אליהו חיים (רוזין ז"ל) זענען געזעצן אין תפיסה פריער, געזעצן אין תפיסה, קומט מען צו צו מיר, מען זאגט מיר, "דו ווייסט אז אינדרויסן ווארט מען דיר אפ?! ביים גאנצן דאווענען שטייען זיי, זיי האבן נישט געוואלט אפשטעלן דעם דאווענען, און איצטער שטייען זיי אינדרויסן"!

איך האב דאס געהערט, איך בין דאך שוין געווען אן אפגעבריהטער! וואס האבן אונזערע לייט געטוהן? ס'איז געווען א אונטער טיר, זיי (המשטרה) האבן פארשלאסן די (פאדערשטע) טיר דארטן, קיינער קען נישט ארויס!

האבן אלע געגעבן א שיס ארויס (- א לויף ארויס) דורך דער אונטער טיר, זיי האבן געעפענט די (פאדערשטע) טיר, איז געווען ליידיג! זיי האבן קיינעם נישט געטראפן!

שוין, איז געווען גוט, פיין, און משה גיבט ווייטער עסן, משה גיבט עסן ווייטער! דעם אנדערן אויפדערנאכט זענען זיי געקומען, איהם געטראפן געבן עסן ווייטער, און זיי האבן איהם צוגענומען, מען האט איהם איינגעזעצט, און מען האט איהם פאר'חתמ'עט דעם קעלער!

האבן מיר שוין נישט געהאט וואו צו דאווענען, האבן מיר שוין געמוזט דאווענען אין צושפרייטע ערטער!

פונדעסוועגן, וואו איך האב געדאווענט האבן אויך דארטן אין דעם אנדערן קעלער געדאווענט מערערע מענטשן, און זיי זענען אריינגעקומען, אין סוף מוסף דארטן, דעמאלטס האבן מיר זיך געשטעלט דאווענען צום טאג (כשהאיר היום), און מען האט געענדיגט דאס דאווענען עפעס עלעף אזייגער, און זיי האבן זיך נאך מקדים געווען, זיי זענען אריינגעקומען ביים סוף מוסף.

איך האב דעמאלטס געדאווענט מוסף (פארן עמוד), געדענק איך אז איך האב זייער מקצר געווען, געזאגט דעם קדיש און אוועק, דורך א פענסטער ארויס! (השואל: און דער גאנצער עולם האט אפגעצויגן?) אוודאי!

און משה זיצט, איז ער געזעצן ביז שבת, און שבת האט מען איהם באפרייט!

(ר' נחמן בורשטיין: וועלכער יאר איז דאס געווען? נאך אייער באפרייען?!) דאס איז געווען דער ראש השנה פון צ"ח, איך בין ארויס (פון תפיסה) צ"ו פרשת שקלים, ראש השנה צ"ז איז געווען מיט חסד, און צ"ח איז געווען דער ראש השנה.

און מען האט איהם באפרייט שבת ביטאג, ס'איז אנגעקומען פון מאסקווע - ער איז אן "ארבייטער", און מען האט איהם באפרייט!

איז ער גלייך ארויף צום רבי'ן אויפ'ן ציון, שבת, איז דעמאלטס געווען א שלש סעודות אזא מין שמחה איז געווען! א מין שמחה שלש סעודות! הא, ס'האט זיך געקאכט זיך א שלש סעודות!

*

און ער איז אוועקגעפארן אהיים נאך שבת, ער איז אדורך געפארן אהיים איז ער אדורך געפארן דורך - ווי דארטן געבט מען די "פעסער" צו קענען פארן קיין ארץ ישראל, איז ער אהיים געקומען, מען האט געגעבן דער פאס, "דא האסטו א פאס"!

אה, ווער האט זיך גערעכענט אז משה'ן וועט מען ארויסלאזן? משה האט קינדער גיבורים, און משה אליין איז אויך א גיבור, איהם וועט מען ארויסלאזן קיין ארץ ישראל?!

(ר' נחמן בורשטיין: די קינדער זיינע האבן געלערנט אין די שולעס?) ניין, דער נחמן האט געלערנט אין אומאן, איך האב מיט איהם געלערנט, מען האט זיך געדרייעט מיט זיי! (ר' נחמן בורשטיין: מאטקע?) זיי זענען געווען נאך קליינע קינדער, (ר' נחמן: מיט יענקל'ען) יא, זיי זענען קליינע קינדער געווען.

נחמן - דאכט זיך מיר - איז נאך דא (בארץ ישראל) געווארן בר מצוה, און זיי זענען געווען נאך פאר די בר מצוה, קליינע קינדער געווען, נאר אברהם איז שוין געווען דער עלטערער.

**האט ער געזאגט, משה, "דאס יאר וועל איך זיין אין ארץ ישראל", ראש השנה האט ער געזאגט. זאגט מען איהם: "משה, פון וואנעט ווייסטו? ביסט א נביא"?! זאגט ער אזוי: "וואס איך בעט דעם רבי'ן העלפט מען מיר, איך האב היינטיגן ערב ראש השנה געבעטן דעם רבי'ן 'איך וויל קומען קיין ארץ ישראל', גלייב איך אז איך וועל קומען"!**

(השואל: ווי לאנג האט ער געבעטן?) **ער האט געזאגט אז ער האט נאך קיינמאל נישט דערויף געבעטן! ער האט געהאלטן אז געבן עסן ראש השנה אונזערע לייט איז העכער, נאר דאס האט ער שוין געזעהן אז ס'ענדיגט זיך שוין, האט ער געבעטן אז ער וויל קומען קיין ארץ ישראל.**

**האט ער געזאגט: "איך וועל קומען קיין ארץ ישראל היינטיג'ס יאר, איך האב געבעטן - וועל איך קומען"!**

**איז ער אנגעקומען צ"ח** (קיין ארץ ישראל)**, באלד נאך סוכות, און דעם ווינטער האט מען נעבעך אלע מענטשן פארנומען** (נאסרו ונשלחו למקומות שמהם לא חזרו הי"ד).

*

(השואל: און איר האט זיך געמעגט דרייען דארטן יענע צייט?) **איך האב זיך נישט געטארט, אבער איך בין גלייך אוועק קיין מאסקווע,** (השואל: אבער ראש השנה אליין?) **ראש השנה בין איך געווען צוזאמען מיט'ן עולם, ראש השנה איז געווען חוץ מדרך הטבע! ראש השנה, אה!**

*

# 'וידר נדר לאמר'

(ר' נחמן בורשטיין: וואס איז געווען דער נס זיינער וואס ער איז ניצול געווארן? בשעת וואס מען האט איהם געוואלט שיסן שוין - בתחלת התקוממות שלטון הקומוניסטים ימ"ש) **יא, מען האט איהם דן געווען למיתה, 'א גביר', אלס גביר נאר!** (ר' נחמן: וועלכן יאר? ווען דער קאמוניזם איז אויסגעבראכן?) **יא יא, דארטן האט מען אלע גבירים אויסגעשאסן.**

(ר' נחמן: פון וואס איז ער געווען א גביר?) **ער איז געווען אין קרימענטשוק א גביר, 'א שניט קראם', א גביר, א בחור געווען נאך, איידער ער האט חתונה געהאט, ער איז געווען א גביר א בחור!**

און מען האט איהם דן געווען למיתה, און מען האט איהם געגעבן א צעטל, ער האט געדארפט זיין דארטן דער פיר און פופציגסטער וואס מען דארף שיסן, ער האט שוין אהיים געשיקט די הלבשה זיינע, און שוין - מען דארף איהם שיסן!

פלעגט דורך פארן א רייטער איינער דארטן פאר יעדן איינעם, ״פארוואס שיסט מען דיך? פארוואס שיסט מען דיך״? ס׳איז געווען נאר לפנים, האט מען איהם געפרעגט, האט ער געזאגט ״איך ווייס נישט פארוואס״!

זאגט ער: ״איהם זאל מען נאכאמאל איבערקוקן! איהם זאל מען נאכאמאל אויספארשן״! אלע אנדערע מענטשן האט מען גלייך געשאסן פארטיג.

האט מען נאכאמאל גערופן דעם עדות דעם גוי, זאגט ער: ״איך האב געזאגט א ליגן, איך האב אפגענארט, איך האב חרטה, ס׳איז נישט אמת״! זאגט מען איהם: ״דו זאלסט וויסן מען וועט דיך שיסן״! זאגט ער: ״שיס מיך, איך האב אפגענארט״! האט מען איהם באפרייט!

דאס איז עפעס א מענטשליכע זאך? מען האט איהם שוין דן געווען, ער האט שוין געהאט א נומער אויף צו שיסן!

(רל״י חוזר בו ואומר:) ניין ניין, ס׳איז געווען א טעות, ס׳איז שוין געווען נאך די חתונה! ער איז געווען א גרויסער גביר אין קרימענטשוק.

און ווייטער - דער ״נחמן״[מ] דער שווער זיינער, איז געווען אן ארימאן, אין די עלטערע יארן, דארטן ביי די קאמוניסטן, האט ער איהם גענומען פאר אן איידעם.

נחמן (דער שווער) האט געוואוינט אין טשעהרין, (ר׳ נחמן בורשטיין: פון וואנעט האט ער געשטאמט דער שווער זיינער - ר׳ נחמן?) פון אונזערע לייט, פון די קארשינסקע׳ר, נאך ביים רבי׳ן געווען, נאך דורות פונעם רבי׳ן, פונעם רבי׳נס צייטן, אוודאי דורי דורות!

*

האט ער דעמאלטס געטוהן דעם נדר - אז אויף ראש השנה וועט ער געבן אלע אידן עסן, ווען ער איז ניצול געווארן.

[מ] ר׳ נחמן קארשינסקע מ׳טשעהרין ז״ל, עי׳ שיש״ק ח״ד אות תקמ״ז.

און ער האט מקיים געווען! נישט נאר סתם עסן, אליין שלעפן די בענק מיט די טישן!

(השואל: קיינער האט איהם נישט געהאלפן?) ער האט גענומען דריי טישן מיט איינמאל! ער האט זיך געגעבן א ריר - ער איז געווען א גיבור, געקאכט געשלעפט, א ריר - משה איז שוין דארטן דא!

מיט אזא מין ביטול, אפילו מיט די אביסל נערוועזע מענטשן, מיט יעדן איינעם אויסגעקומען גוט, "נאדיר נאך, נאדיר נאך, עס נאך, עס נאך"!

*

# 'עין לא ראתה'

און אין מאסקווע אליין, א שבת האבן געגעסן ביי איהם צוועלף-דרייצן מענטשן, ער האט געוואוינט אין אזא מין גאס אין מאסקווע, און דער בעל בית איז געווען א גלח'טע, זי האט פיינט געהאט א אידן, זי האט איהם אלעמאל געוואלט מסר'ן, שבת האט ער גארנישט געקוקט.

און זי (בני ביתו) האט צוגעגרייט עסן, און אלע זענען דארטן געשלאפן פרייטיג צונאכטס, אונטער די בעטן, אונטער די טישן - אויסגעלייגט, און ער האט געהאט אזא מין אמונה אז "מיר וועט קיינער נישט כאפן"!

איך האב געהאט אמאל א נס ביי איהם, איך פלעג נעכטיגן ביי איהם אפילו אינמיטן דער וואך אויך, אן אנדערן האט ער נישט געלאזט נעכטיגן נאר פרייטיג צונאכטס, און מוצאי שבת: "גייט זוכט זיך פלעצער"! "שבת איז מגין, אבער אינמיטן וואך גייט"!

איך פלעג נעכטיגן ביי איהם אינמיטן וואך אויך, איז אריינגעקומען ביינאכט - איך בין געווען א "טריפה'נער" פון אומאן (- עריק מהשלטונות), מיך האט מען נאך אין אומאן געזוכט, איז אריינגעקומען ביינאכט די חברה, און משה האט גוט מורא געהאט, טאמער זעהט מען מיך איז ער אויך איינגעשטעלט!

ס'איז אזא מין נס געווען, זיי זענען אדורכגעגאנגען און איך בין געלעגן אין בעט, און זיי זענען דורכגעגאנגען און זיי האבן מיך נישט געזעהן!

(השואל: איר זענט געווען צוגעדעקט?) ניין, איך בין נישט געווען צוגעדעקט! זיי זענען דורכגעגאנגען און געקוקט, געקוקט - ממש אזוי ווי זיי האבן נישט געזעהן!

אז איך בין אוועק, האט משה געזאגט: "ווער האט איך פארבאהאלטן? ווער האט אייך אויסבאהאלטן"?! (השואל: איר האט געוואוסט אז זיי קומען?) איך האב געזעהן זיי דרייען זיך אין שטוב, (השואל: פארוואס האט איר זיך נישט צוגעדעקט?) אז זיי קומען קענסטו זיך נישט רירן זיך, אז איך וועל מיר געבן א ריר וועט דאך ווערן א רעש! בין איך געלעגן אזוי!

דער אויבערשטער האט אזוי געפירט אז זיי זענען געגאנגען און געגאנגען און זיי גייען נאך יעצט...

*

און זי (אשת משה) האט געהאט א ברודער, געוואוינט דארט לעבן מאסקווע, אז ער איז געקומען קיין מאסקווע, האט ער איהם קיינמאל נישט געלאזט איבערנעכטיגן ביי זיך, פלעגט זי זאגן: "דיינע חסידים נעכטיגן, מיין ברודער קיינמאל נישט"?! (ענה לה:) "מיט מיינע חסידים וועל איך קיינמאל נישט האבן קיין געשעפטן, מיט דיין ברודער וועל איך באלד האבן א געשעפט"!

וכך הוה, ער האט גענעכטיגט איין נאכט, זענען זיי באלד געקומען צו גיין! (השואל: מען האט נישט געטארט נעכטיגן ביי א צווייטן?) ניין!

"א ברודער" - האט מען געמאכט א קנס דארטן, געגעבן א קנס, האט ער באצאלט דעם קנס! "זעהסטו?! איך האב דיר געזאגט! מיט מיינע חברה האב איך נישט קיינמאל קיין זאך, מיט דיין ברודער האב איך שוין געהאט א קנס"!...

ער האט געהאט א אמונה - געוואלדיג גרויס, אמונה אינעם רבי'ן, ער האט געגלויבט אין די מצוה פון הכנסת אורחים! און דאס איז א געוואלד, אויבן אין הימל שם'ט דאס, א רעש!

אזא מין ברען, און געבן עסן צוועלף-דרייצן אידן שבת, און וואספארא עסן, ער האט געמאכט א מנין דארטן פרייטאג צונאכטס, געדאווענט פארן עמוד, משה האט געדאווענט פארן עמוד, האט ער געגעבן קולות, ס'איז געגאנגען אין די גאס, א חזן

געווען, ער האט געקענט געבן א קול, האט ער געדאווענט און געזונגען זמירות, געשריגן, געטאנצט, געשפרונגען!

"שבת" - זאגט ער - "שבת איז 'עין לא ראתה',[מא] קיינער וועט נישט זעהן"!

שוין, יארן יארן האט דער איד געגעבן עסן אידן שבת, ס'איז דאך א געוואלד, כאחד מן הגדולים! כאחד מן הגדולים!

*

## 'שכורת ולא מיין'

(ר' נחמן בורשטיין: ער דערציילט - ר' הערש לייב ליפל - אז מוצאי שבת האט ער געוואלט אמאל זינגען זמירות אויפ'ן קול, מילא שבת האט ער געזונגען, אבער מוצאי שבת - איז ער ארויסגעגאנגען אויף די גרויסע גאס, און ער האט אנגעהויבן צו זינגען 'אדיר איום' אזוי מיט'ן קול, און צוגעגאנגען צו א גוי און געגעבן א שטויס, מען האט געמיינט ער איז א שיכור, און ער האט געזונגען אזוי די גאנצע זמירות אויפ'ן גאס!).

ער איז דאך געווען א בעל עגלה אין מאסקווע (- ר' משה הנ"ל), פלעגט ער פארן אויף די גאס, און געזונגען אינמיטן גאס, זיי פלעגן זאגן "א פיעניץ" - "א שיכור"!

אויף איהם האט מען געזאגט דאסווארט - אויף משה'ן - "אז מען לייגט אוועק די כלי אויף א בהמה שפילט זי דעם שיינעם ניגון"! (אחד הנוכחים: דער בעל עגלה) יא יא.

ברוך השם, ער האט אויך געמאכט גוט ביים רבי'ן! פשיטות פשיטות!

*

ער איז געגאנגען אויפ'ן וועג שבת - מען האט גענעכטיגט ביי איהם - און מען איז געגאנגען דאווענען אין די גרויסע שול, דארף מען גיין אריבער א שעה, איז מען געגאנגען, און משה שרייעט ווייטער, ער גייט ער שרייעט, "ער איז א פיעניץ" - א שיכור, א פיעניץ איז דארט די כשר'סטע זאך, די גרעסטע עוולה איז א פרומער, און די כשר'סטע זאך איז א פיעניץ!

ער איז געגאנגען, געווארפן מיט'ן קאפ, געדאווענט און געשריגן אינמיטן גאס, און שוין.

---

[מא] ר' נחמן קארשינסקע מ'טשעהרין ז"ל, עי' שיש"ק ח"ד אות תקמ"ז.

(השואל: הייסט דאס אז נאר ביינאכט האט מען גערעוועט ביי איהם אין שטוב?) **נאר פרייטאג צונאכטס!** (ר' נחמן: מען דארף דאך לייגען) **אוודאי.**

שבת אינדערפרי האט מען געגעסן ביי איהם, זי האט צוגעגרייט עסן, אה - בהרחבה גדולה! דער אויבערשטער האט איהם געהאלפן, דער אויבערשטער האט איהם געהאלפן!

*

נחמן (בנו) איז אביסל געראטן אינעם פאטער, ער האט אביסל די מידות פונעם פאטער, גמילות חסדים, ער האט אמונה אינעם רבי'ן אויך, אלע טאג גייט ער אין מקוה, ער פארפעלט נישט קיין טאג, און נאכדעם האט ער א שיעור ביים כותל, ער דאווענט דאך אלע פארטאג ביים כותל, ווינטער, זומער, אין א שניי, אין א רעגן, לערענט ער דארט!

*

# 'צדקה תציל ממות'

דער רבי האט געזאגט: "צו מיר האט נאך קיינער נישט צוגעלייגט"![מב] אז מען רירט זיך צו צום רבי'ן לייגט מען נישט צו!

די גמרא זאגט, אז מען גייט אריין אין א חנות פון בשמים, אפילו מען קויפט נישט - איז דער ריח קולט! נעמט זיך אן א ריח פון די בשמים!

*

דער כח פון צדקה איז זייער גרויס, ס'איז דאך א מסירות נפש'דיגער זאך![מג] און דאס איז נישט קיין סתם צדקה, אן אנדערע מענטש קען געבן צדקה מער ווי ס'האט איהם געקאסט א ראש השנה, אבער דער צוויפשטעל פון די זאך, און ביי די קאמוניסטן וואס מען טאר נישט - געבן עסן הונדערטער אידן, און נאך קינדער אויך, בחורים, יונגע בחורים, געבן זיי עסן - דאס איז א געוואלדיגע זאך! און יעדן שבת געבן עסן אידן! א מין צענטער געווען!

---

[מב] עי' שיש"ק ח"ב אות כ"ח.

[מג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' מ"ו.

די גמרא זאגט דאך,[מד] רבי עקיבא - ער האט חתונה געמאכט די טאכטער, האט ער איר געגעבן א קרוין דארטן, א קרוין פון דיאמאנטן, ער איז געווען רייך רבי עקיבא, דער קרוין איז געווען מיט שפילקעלעך, האט זי אויסגעטוהן דעם קרוין פונעם קאפ, אוועקגעלייגט די שפילקעס, און שטייט אויף אינדערפרי זעהט זי אז זי האט גע'הרג'ט א שלאנג! זי טוהט אָן דעם קרוין און דער שלאנג איז געווען טויט!

האט זי געזאגט צום פאטער - רבי עקיבא, (שאל אותה) "וואספארא מצוה האסטו געטוהן נעכטן"? האט זי געזאגט אז זי איז געזעצן, און אלע זענען געזעצן, זעהט זי אן ארימאן און קיינער קוקט נישט אויף איהם, האב איך איהם צוגערופן צום טיש און געגעבן עסן! (אמר לה רע"ק:) "האסטו געטוהן א מצוה", "נפק רבי עקיבא ודרש, צדקה תציל ממות, ולא ממיתה עצמה אף ממיתה משונה"!

א כלה גייט אוועק פון טיש און רופט אן ארימאן, "און מיין פארציע האב איך איהם אוועקגעגעבן"! איר פארציע וואס זי האט געהאט האט זיך אוועקגעגעבן דעם ארימאן, צדקה!

*

עס שטייט אין זוהר הקדוש,[מה] אז יעדער נפטר מוז איבערגיין דעם "נהר דינור" - א טייך פון פייער, און דארטן מוז די נשמה האבן טבילה, נאכ'ן זיכוך! ווען מאכט מען די טבילה? אז מען וואשט זיך ארום פריער, נאכדעם מאכט מען די טבילה, מוז מען האבן טבילה אין נהר דינור!

זאגט דער זוהר הק', אז דורך צדקה - אז מען איז מרבה בצדקה - גייט מען איבער דעם "נהר דינור", אסאך נשמות ווערן דארט פארפאלן, זיי קענען גארנישט ארויס פון דארט, אבער דורך צדקה - אז מען איז מרבה בצדקה - גייט מען איבער דעם נהר דינור!

טובל'ען מוז מען זיך טובל'ען, די זוהמה פון דעם עולם גייט נישט ארויס סיידן מען מוז האבן א טבילה אין נהר דינור, מען קען דאס פארשטיין? א טבילה פון א טייך פון

[מד] עי' ילקוט שמעוני, משלי, פרק י', רמז תתקמ"ה.

[מה] פרשת מקץ דף ר"א ע"א.

**פייער - קען מען דאס פארשטיין? די טבילה איז דאך דער נפש, דער גוף ווערט דאך נתבלה בקבר, דער נפש דארף דאך האבן די טבילה, נו.**

(אחד מהנוכחים: צדקה קען מען אויכעט אויספירן אז מען זאגט יענעם א גוט ווארט, "המפייסו" איז אויך גוט)[מ] **יא, אז מען קען נישט געבן, אבער אז איך קען געבן דארף מען געבן!** (ר' נחמן בורשטיין: וואס מען קען, חסד בגופו, בממונו, זיין המדבר בצדקה), **יא יא.**

* * *

(השואל: איר געדענקט אויך ר' יצחק ברייטער ווי ער פלעגט קומען אויף ראש השנה?) **צוויי ראש השנה'ס איז ער געווען, ע"ה און ע"ט!** (ר' נחמן: ע"ט איז געווען די באנדעס?) **ע"ט האט מען שוין געבאמבעט, ר' מרדכי** (סאקאלאווער) **איז געווען ע"ה אליין, ע"ט נישט!** (השואל: דאס הייסט נאר איינמאל געדענקט איר איז געקומען א וואגאן?) **ע"ה און ע"ט, די צוויי ראש השנה'ס איז געקומען פון פוילן א גרויסער עולם! ע"ה מערער, ע"ה איז נאך געווען אפען, ע"ט איז שוין געווען גרעניצן, אבער ס'איז געקומען אסאך מענטשן - ע"ט.**

(ר' נחמן בורשטיין: און ווען איז געווען ר' אלחנן ספעקטאר?) **ר' אלחנן איז געקומען אינמיטן יאר פון ע"ט, דעם ראש השנה פון ע"ט איז ער נישט געווען, און אפגעווען גאנץ ע"ט און ראש השנה פון תר"פ, און ער איז אוועקגעפארן ווינטער פון פ', כמעט א גאנצע יאר איז ער געווען!**

(השואל: און ווען איז געווען ר' יצחק אטוואצקער?) **ר' יצחק אטוואצקער איז געווען פאר מיר, ער האט דאך מיר מקרב געווען אין ישיבה נאך, ער איז געווען נאך איידער די מלחמה, אין ישיבה איז ער אלט געווען זעכצן יאר, א אינגעלע!**

* * *

(השואל: - ר' נתן זאגט אין ליקוטי תפילות אז מען דארף זיך אויסרעדן "בכבל אשר צפון וגנוז בלבבי", וואס מיינט מען דאס "בכל אשר צפון וגנוז בלבבי"?)[מז] **וויפיל דו ווייסט! איך דארף דאך נישט וויסן דיינע "צפונות", יעדער איינער ווייסט דארטן זיינע איבערגייעכצער, זאל**

[מ] עי' בבא בתרא דף ט' ע"ב.

[מז] ליקוטי תפלות ח"ב כ"ב: ...וּלְהַרְבּוֹת בְּשִׂיחָה וּתְפִלָּה לְפָנֶיךָ - אֵין בִּלְשׁוֹנִי מִלָּה לְפָרֵשׁ שִׂיחָתִי לְפָנֶיךָ הֵיטֵב בְּכֹל אֲשֶׁר צָפוּן וְגָנוּז בִּלְבָבִי, כִּי אִם בְּרַחֲמֶיךָ וּבִישׁוּעָתְךָ הַגְּדוֹלָה...

ער דאס אויסרעדן פאר השי"ת! איינער דעם צווייטן טאר נישט דערציילן, נאר פאר השי"ת![מח]

* * *

# 'פן יהרסו'

נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, מיר זאלן נאך אפהיטן די עטליכע טעג פאר שבועות, און א גוטן שבועות האבן![מט]

בכח פונעם רבי'ן קען מען נאך אין די עטליכע טעג אויך טוהן תשובה, מען קען נאך אויך טוהן תשובה! זייער האלטן חשוב די עטליכע טעג!

און אין די דריי טעג שטייט: "**השמרו לכם עלות בהר - פן יהרסו**",[נ] מען זאל נישט האבן קיין הריסה! וואס איז אן הגבלה? הגבלה איז דאך א מין צמצום, "**והגבלת את העם - השמרו לכם**", איר וועט האבן א פייער, א ברען, "השמרו לכם עלות בהר", היט זיך!

ווייזט אויס אז דער ענין פון התקרבות צום אויבערשטן דארף האבן א געוואלדיגע הגבלה, א מין צמצום, מגביל זיין דעם בארג ארום אין ארום, "היט זיך"!

"**פן יפרץ בם**", זאגט רש"י[נא] - דאכט זיך - "יפרץ" איז א לשון יחיד, ס'וואלט געדארפט שטיין "פן יפרצו"? נאר אפילו 'איינער' וואס פאלט איז ביי מיר אויך אזוי ווי 'אסאך', "אפילו הוא יחידי חשוב לפני רב", אפילו 'איינער' הייסט ביים אויבערשטן אזוי ווי 'אסאך מענטשן', אז איינער ווערט גע'הרג'ט איז אזוי ווי אסאך מענטשן!

* * *

---

[מח] עי' ברכות דף ל"ד ע"ב.

[מט] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב קל"ז: וְהִנֵּה יְמֵי הַשָּׁבוּעוֹת הַקְּדוֹשִׁים מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין. בַּעַל הָרַחֲמִים יָחוּס עָלֵינוּ שֶׁנִּזְכֶּה לִגְמֹר יְמֵי הַסְּפִירָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, שֶׁנִּזְכֶּה עַל כָּל פָּנִים מֵעַתָּה לְהָכִין עַצְמֵנוּ כָּרָאוּי לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה בֶּחָג הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

[נ] שמות י"ט כ"א - כ"ד.

[נא] שם כ"א, ד"ה ונפל ממנו רב.

(שואלים על תענית ערב ראש חודש), **מען האט זיך פארבאהאלטן מיט דעם! ס'איז נישט געווען רעש'יג, ס'איז געווען פון די זאכן וואס מען האט געטוהן בהצנע לכת!**[נג]

(השואל: אז מען ברענגט עסן וואס זאגט מען?) **"איך האב שוין געגעסן"! און "איך האב שוין געגעסן" מיינט - איך האב שוין נעכטן געגעסן!**

(מנגנים "אתה נגלית").

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **יודא ארי' גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב**

מוה"ר **אהרן ברוך גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת הרה"ח ר' **צבי יוסף** ב"ר **מאיר יצחק** ז"ל **וואסילסקי**
נלב"ע כ"ט תמוז, תנצב"ה

לעילוי נשמת הרה"ח ר' **יודא ארי'** ב"ר **בנציון מרדכי מארקל** ע"ה
נלב"ע י"ד תמוז, תנצב"ה

מוה"ר **אברהם יצחק לייפער** הי"ו
**וויליאמסבורג יצ"ו**
לעילוי נשמת אמו מרת **רייזל** בת ר' **יעקב** ע"ה
נלב"ע ד' תמוז, תנצב"ה

מוה"ר **נתנאל פיש** הי"ו – וויליאמסבורג יצ"ו
לעילוי נשמת חותנו הרה"ח ר' **אברהם יעקב** ב"ר **זאב** ע"ה
נלב"ע ט"ו תמוז, תנצב"ה

לעילוי נשמת הרה"ח ר' **לוי יצחק** ב"ר **אברהם נח** ז"ל **בענדער**
נלב"ע כ"ב תמוז תשמ"ט, תנצב"ה

---

[נג] עי' שו"ע או"ח סי' תקס"ה סעיף ו': **המתענה ומפרסם עצמו לאחרים להשתבח שהוא מתענה, הוא נענש על כך**, ועי' נו"כ שם.